

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' חיי שרה
תשפ"ב לפ"ק
גליון קצ"ד

## פראגע

**אויב שטודירן די בריאה ברענגט א מענטש צו אנערקענען השי"ת און ווערן שטערקער אין אמונה, פארוואס געשעט עס נישט צו אלע געלערנטע גוים וואס שטודירן די נאטור?**

## ענטפער:

מען האט אמאל געפרעגט רבי ישראל סאלאנטער זי"ע א קשיא: עס שטייט אז ווען א מענטש טראכט פונעם יום המיתה מאכט עס אים אן עניו און עס גיבט אים יראת שמים. די גמרא זאגט (ברכות, ה, א) – "אויב א מענטש זעט אז זיין יצר הרע שטארקט זיך איבער אים און ער קען אים נישט בייקומען, יזכיר לו יום המיתה, זאל ער זיך דערמאנען אז ער גייט שטארבן." אויב אזוי, פארוואס זענען נישט די מענטשן אין די חברה קדישא די ערליכסטע מענטשן אין שטאט? זיי זעען דאך אגאנצן טאג דעם טויט פאר די אויגן?!

אין יענע צייטן פלעגט מען טראגן די נפטרים אויף א "טויטן-וואגן" וואס איז געשלעפט געווארן דורך פערד. האט רבי ישראל געענטפערט, און וואס טוט זיך מיט די פערד וואס שלעפן דעם וואגן? זיי וואלטן ווען אויך געדארפט זיין די ערליכסטע מענטשן!? דער ענטפער איז, אויב מען איז א פערד העלפט גארנישט...!

דאס מיינט: **מען דארף האבן שכל.**

די אומות העולם זענען ווי בהמות, זיי זענען בעלי תאוה, און זיי קומען באטראכטן די בריאה **מיט'ן ציל** צו טרעפן זייערע תאוות! זיי ווילן כבוד, זיי ווילן איסטייכענונגען, זיי ווילן געלט, און דעריבער טרעפן זיי יענץ! אברהם אבינו און די מענטשן וואס גייען אין זיינע פוסטריט האבן געקוקט אויף דער וועלט מיט'ן ציל צו טרעפן דעם אויבערשטן – און אויב מען זוכט אים טרעפט מען אים.

"כי ישרים דרכי ד'" – דעם אויבערשטנ'ס וועגן זענען רעכטפארטיג, "צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם" (הושע יד, י). קוקן אויף די בריאה איז א געוואלדיגע מיטל פאר מענטשן וואס לערנען חובת הלבבות – שער הבחינה. אבער אויב מען גייט אין הארווערד אוניווערסיטעט און מען קוקט אזוי אויף די בריאה, ווערט מען א בהמה; דו ווערסט א מאלפע, א פיש, און אן אייניקל פון בהמות. אזא איינער ווערט פארפירט טאקע **דורך די טבע.**

## פראגע

**ווען א מענטש שפירט זיך בעצבות, וואס קען ער טון שנעל ארויסצוקריכן דערפון?**

## ענטפער:

ערשטנס זאל ער ארויסקוקן פון פענסטער און כאפן א בליק וואס טוט זיך אויפ'ן גאס. דא איז א מענטש וואס קען קוים גיין. זיינעביינער טוען וויי. מען זעט עס כסדר, מענטשן וואס קענען קוים גיין. עס טוט אים וויי צו רוקן זיינע פיס ווייל די ביינער אין די לענדן רייבן זיך אריין איינס אינעם צווייטן. עס פעלט אים די גליטשיגע מאטריאל וואס אנדערע מענטשן האבן צווישן די ביינער און מאכט מען זאל גארנישט שפירן. אבער זיינע ביינער רייבן זיך איינס אינעם צווייטן, ער האט זייער שטארקע ווייטאג, ער קען זיך קוים רירן.

תיכף ומיד זאל ער טראכטן, "ווי גליקליך בין איך! ווען דער מענטש אויפ'ן גאס וואלט ווען יעצט געקענט האבן די הרגשה וואס איך האב אין מיינע ביינער, וואס וואלט ער געטראכט? וואלט ער געווען בעצבות?"

דא זעט ער א צווייטן מענטש וואס גייט מיט א ווייסע שטעקן אויפ'ן גאס, און קלאפט אויף פאראויס. ער איז נעבעך בלינד. אויב וואלט ער ווען געקענט צוריקבאקומען אפילו איין אויג, וואלט ער געווען בעצבות? ער וואלט זיך תיכף גענומען שפרינגען פאר שמחה. ער וואלט אוועקגעווארפן זיין שטעקן און זיך גענומען שרייען פאר שמחה.

און דו קענסט גיין אן קיין שטעקן און דיינע ביינער טוען נישט וויי. דאס מיינט אז דו דארפסט זיך יעצט נעמען טאנצן פאר שמחה!

מען דארף פשוט קוקן וואס גייט פאר אויף דער וועלט. די וועלט איז פול מיט מענטשן וועם דער אויבערשטער האט פארקריפלט כדי אנדערע זאלן קוקן אויף זיי און זען ווי גליקליך זיי זענען אז זיי קענען פונקציאנירן געהעריג. (#991)

## פראגע

## פארוואס איז דער רמח"ל, דער מחבר פונעם "מסילת ישרים" נפטר געווארן אין די עלטער פון 40 יאר? איז ער נישט געווען קיין גרויסער צדיק?

## ענטפער:

איך בין נישט פעאיג צו ערקלערן די דרכי השם, אבער איין זאך דארפן מיר וויסן – און מיר האבן עס שוין דערמאנט מער ווי איינמאל. דער ירושלמי דערציילט איבער רבי בון. רבי בון איז נפטר געווארן ביי די 28 יאר. האבן זיי געזאגט אויף אים דער פסוק "מתוקה שנת העובד אם מעט אם הרבה" (קהלת, ה, יא) – עס איז זיס דער שלאף פון א מענטש וואס איז אן ארבייטער, סיי אויב ער האט געגעסן אסאך אדער ווייניג. דאס מיינט אז רבי בון אין זיינע 28 יאר האט אויפגעטון מער ווי אנדערע מיט זייערע לאנגע יארן.

אסאך מאל האט דער אויבערשטער לכתחילה באשטימט פאר צדיקים אדער אנדערע מענטשן אז זיי זאלן האבן א קורצע לעבן. דאס ערקלערט אסאך מאל ווען עס געשעט זאכן, מיסטעריעזע זאכן. זיי זענען נישט באשאפן געווארן צו לעבן לאנג. דאס איז אלעס וואס עס איז זיי צוגעטיילט געווארן. פארוואס? דאס איז זיינע געשעפטן. ער ווייסט וואס ער טוט. אפשר איז עס א נסיון פאר מענטשן צו פרעגן קשיות; אפשר וויל ער אז מענטשן זאלן רחמנות האבן אויף אים. סיי וואס ס'איז, דער אויבערשטער האט א פלאן.

יעצט ווען מענטשן זעען אז אנדערע שטארבן יונג, און זיי פארשטייען אז דאס לעבן איז נישט גאראנטירט, איז עס א גרויסע תועלת פאר די וועלט. די משנה (אבות ב, י) זאגט "שוב יום אחד לפני מיתתך" – א מענטש זאל תשובה טון איין טאג בעפאר ער שטארבט. פרעגט די גמרא (שבת קנ"ג, א), ווייסט דען א מענטש ווען ער וועט שטארבן? און די גמרא ענטפערט "כל שכן ישוב היום שמא ימות למחר" – גערעכט! טו תשובה היינט אין פאל דו וועסט זיך נישט דערוועקן מארגן אינדערפרי ח"ו.

אסאך מאל שטארבן מענטשן פלוצלונג. עס איז געווען א מענטש וואס האט געדרייווט זיין קאר, א יונגער מענטש, ער איז אונטערגעפארן אן אווערפעס און א גרויסע ציגל איז ארויסגעפאלן פונעם בריק און ארויפגעפאלן אויף אים פונקט ווען ער איז דורכגעפארן. עס האט געענדיגט זיין לעבן אין א סעקונדע. קיינער קען נישט וויסן. "כי לא ידע האדם את עתו" (קהלת ט, יב) – קיינער ווייסט נישט זיין צייט.

ווען מענטשן ווערן באוואוסטזיניג אז דאס לעבן קען זיך צומאל פלוצלונג ענדיגן, איז דאס א גרויסע תועלת, ווייל זיי הייבן אן צו פרובירן דאס בעסטע אויפצוטון וויפיל זיי קענען. און רבי בון איז אזוי געווען. ער האט נישט געווארט, און האט אויפגעטון אין זיינע 28 יאר א געוואלד.

דער מסילת ישרים האט געמאכט אזעלכע וואונדערליכע, גאלדענע חיבורים, מער ווי אנדערע וואס האבן געלעבט סך לענגער. דער ספר "מסילת ישרים" איז אן אויסטערלישע דערגרייכונג וואס האט געברענגט פאר די וועלט אן אויסערגעווענליכע ריווח. במילא, אין די וועלט פון שכר איז נישט קיין ספק אז דער מסילת ישרים איז גאר הויך. ער האט אויפגעטון מער ווי רוב מענטשן וואס האבן געלעבט לאנגע לעבנס און דארט שניידט ער זיין שכר. # 906

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך
דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

## פרישע הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

באר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
**א וואך**
**מועדים $3**

## בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

**אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com**


באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נעם שבת
פרשת שמיני
שנת תשע"ח לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
קאנעטיקוט נ.
שב"ק פ' שמיני תשע"ח לפ"ק
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העליי לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב